די מערסטע אויסלענדישע עקספערטן
האבן פאראויסגעזאגט, ווען די דייר
טשע איגוואזיע האט זיך אנגעהויבן.
עס איז אבער א ספק, צי די רוסישע
באוואפנטע קרעפטן וועלן קענען שפי־
לען א שטארקע אנגרייפערישע ראל,
סיידן ענגלאנד און די פאראייניקטע
שטאטן וועלן אויף א גרויסן מאס־
שטאב צושטעלן קריגס־מאטעריאלן
צום סאוויעטן־פארבאנד.

אויגן.
— איך האב געוואלט דו זאלסט
מיר דערקלערן...
אין דער מאמע'ס קול איז געווען
אנגעקליבן אזויפיל צער. אז זי האט
געמוזט אליין איבעררייסן אין מיטן.
טעמי האט אויך געשוויגן און גע־
האלטן אראפגעלאזן דעם קאפ. דער־
מאלט איז ביי דער מאמען דער פאר־
דאכט וועגן פרעמדן יונגנמאן נאך

# אויפן געטא־מארק

„דאס זענען יידישע קינדער פון ווילנער
געטא, וואס א נאצי האט צונויפגענומען, און
לערנט זיי צו וואשן די הענטלעך יעדן טאג".
(בילד פון אן ענגלישן זשורנאל).

פון האלב־אנגעסמאליעטע דעכער און קוימענס
נאך פייפט דאס געברום פון וואנזיניקערס שלאכט
ס'געשריי פון א ברענענדער מאמען אין קינפעט
פון קליינינקן עופה'לע, האלב נאך אין טראכט.

עס שטיקט נאך מיט סוואנד פון די חרוב'ע הייזער,
וואס שלאפן אין וויסטונג אויפן וויינענדן מארק,
מען זעט נאך ווי שטארצן פארגליווערטע גלידער
אין אפפאל וואס ליגט דא — א בארג אויף א בארג.

א וואגלענדער הונט שטופט זיין פיסק אין א בארדאק,
שטופט טיף, ווי ער וואלט זיך אליין ניט געטרויט:
געבליבן איז אפשר א פוסישער פינגער?
און אפשר ס'באהאלטן דארט ווער א שטיק ברויט?

אט, ליגט א צעבראכענער וואגן, אן רעדער,
האליאבלעס צעשפרייטע, ווי הענט צום געבעט,
און אויף אים — פיל בערגלעך פון קויטיקע שמאטעס —
מסתמא האט ווער זיך געמאכט דארט א בעט.

און די, צווישן בראכווארג און שטיקלעך פון גופים
האט האנט אויסגעווייקט אין פיל פעסער פון בלוט,
צונויפגעשלעפט זיי, אט די קינדער פון עלנט
און לערנט זיי וואשן די הענטלעך די ברוד.

און יונגיטשקע גופים'לעך — שטרויעלעך העל'ע,
געהילטע אין וויסטונג, אין הונגערשער ברוד,
מיט טרויער צוהערן, ווי ס'לערנט זיי ריין זיין,
א האנט א פארשווענקטע מיט ים'ען פון בלוט.

א שוך פון דעם טאטן, א לאטש פון דער מאמען,
א היטל אן דאשעק, א העמדל א צוים,
קאלעטשעטע פיסלעך — פארפאטשקעטע פינגער
פון זוכן אין מיסט־קאסטנס שטשאקעס שטאט ברויט

צערים, פארמורזעט, אין הונגער געוויקלט,
נאר ווי אויף צולהכעים ווילד־זיניקן האר,
שיינט טונקט אַרום פון די בלאסע געזיכטער,
ווי ס'שיינט אפט די שכינה דורך לייזן און צער.

און עפעס, ווי סודות'פול, שמייכלען די אויגן,
ווי ס'האלט אין זיי וואכן דער סוד שוין פון לאנג:
דער טרוים פון אמאליק־נביא'ישע הערצער
וואס שטראלט דורך דער צייט, ווי א געטלעך געזאנג.

איז שפאנען די קינדער, פון פיין און פון הונגער,
דורך חלום פון נביא, צו אים וואס באשערט — —
און זעען דעם מענטש, ווי א בוים ווידער בליען
און זעען דעם שטראפער — א שטויבעלע ערד.

איז שמייכלען פארוואָרלאזטע קינדער פון עלנט,
ווי יונגיטשקע זונען אין הימלען פון צער,
און ס'פינקלען די אויגן — נביא'ישע פונקען:
א, נישטיקער שטראפער, אומגליקלעכער האר...

יאסל